ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתצ"ז
פרשת דברים - חזון
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תקכא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הגאון הגדול רבי שמעי' גרינבוים ז"ל** מח"ס סייעתא דשמיא

**דער גרעסטער מוצלח ביראת שמים און הרבצת התורה**

איך האב געהערט פון הגה"צ רבי **יצחק אמסעל** ז"ל דער אילאקער רב, מיט וועמען איך בין געוועזן שטארק בידידות, אז אינדערהיים איז געוועזן זייער נקדש ונערץ דער נאמען פון **הגה"ק רבי משה** (ב"ר עמרם) **גרינוואלד זלה"ה בעמח"ס ערוגת הבושם**. (היארצייט ז' מנחם אב).

האט ער געזאגט א לשון "די גרעסטע צדיקי הדור האבן געזאגט בשעתו אויפן ערוגת הבשם אז ער איז דער גרעסטער איש מוצלח בדור אין יראת שמים, און אין הרבצת התורה".

ז' תקכב) עס ווערט דערציילט אויף
**כ"ק הגה"צ רבי יצחק טובי' ווייס זלה"ה – גאב"ד ירושלים עיה"ק**

**א חילוק צווישן א שמחה גשמי און א שמחה רוחני**

עס איז געוועזן אמאל ווען **כ"ק הגאב"ד רבי יצחק טובי' ווייס זלה"ה** (היארצייט ב' מנחם אב) איז אנוועזנד געוועזן ביי א דרשה פון **הגאון רבי אלי' שטערנבוך זלה"ה ראב"ד אנטווערפן**, און דער ראב"ד האט געפרעגט אויף דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן (מו"ק דף ט' ע"א) אז ווען מ'האט באנייט דעם ביהמ"ק בימי שלמה המלך זענען אידן אהיימגעגאנגען (מלכים א', ח', סו) **'וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב – שנהנו מזיו השכינה'**.

לכאורה פון וואו נעמען דאס חכמינו ז"ל צו זאגן אז דאס איז געוועזן די סיבה פון די שמחה, אפשר איז געוועזן די סיבה ווייל זיי האבן געהאט אינדערהיים גוטע סעודות מיט פלייש און וויין, און דאס האט געברענגט די שמחה?!

האט רבי אלי' אויסגעפירט "פון דא איז א ראי' אז גשמיות ברענגט נישט קיין שמחה, עס בלייבט דערפון גארנישט, אן אמת'ע שמחה וואס בלייבט איז נאר א רוחניות'דיגע שמחה, וועגן דעם שטייט 'וילכו לאהליהם', אז די שמחה איז געבליבן אפילו שפעטער ווען זיי זענען שוין אהיים געגאנגען צו זייערע הייזער, דאס ווייזט אז א רוחניות'דיגע שמחה האלט זיך אויך אויף ווייטער".

נאך די דרשה איז דער **ירושלימ'ער רב** צוגעגאנגען צום **ראב"ד** און אים געזאגט "איך האב א ראי' צו אייערע ווערטער פון א תשובת חת"ס, ווייל דער חת"ס זאגט (בהגהות שו"ע סי' תקנ"ג אות ב') אז דאס וואס מ'טאר נישט לערנען ערב תשעה באב איז נישט מחמת אבילות, נאר ווייל אויב ער וועט לערנען נאכמיטאג וועט ער האבן דערפון שמחה אויך תשעה באב ביינאכט".

"לכאורה דארף מען פארשטיין, לויט די הלכה ווען תשעה באב געפאלט מוצש"ק מעג מען עסן ביי שלש סעודות א סעודת שלמה בשעתו (עי' תענית כ"ט ע"ב, או"ח סי' תקנ"ב ס"י) פארוואס זאל מען נישט חייש זיין אז ער וועט נאך הנאה האבן פון די געשמאקע סעודה תשעה באב ביינאכט?! אלא מאי איז א ראי' אז גשמיות איז נישט קיין אמת'ע שמחה, און די הנאה וואס מ'שפירט איז נאר אויף די מינוט, און עס האט נישט קיין השפעה אויף שפעטער".

ז' תקכג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אברהם יוסף רובינשטיין הי"ו**

**ויהי כמנגן המנגן... ותהי עליו רוח ה'**

מיין זיידע הרה"ח ר' **יצחק מוטצען** ז"ל איז געוועזן א תלמיד פונעם הייליגן **ייטב לב** זלה"ה. ער איז אלס בחור געוועזן א הערליכער בעל תפילה, ער האט געקענט זייער שיין דאווענען פארן עמוד, און ער איז בכלל געוועזן א הערליכער זינגער.

אין יענע צייטן זענען די שיינע זינגער'ס געוועזן אין א סכנה, ווייל מ'פלעגט זיי רופן זינגען אויף נישט ערליכע פלעצער, און אסאך זענען ליידער דורכדעם פארפאלן געווארן.

איינמאל רופט אים דער ייטב לב אריין צו זיך, און זאגט אים "איך הער אז דו קענסט זייער שיין זינגען, זינג מיר א שיינעם ניגון". און ער האט טאקע אראפגעזינגען א שיינעם ניגון פארן רבי'ן דער ייטב לב.

ווען ער האט געענדיגט זינגען זאגט אים דער ייטב לב "גענוג געווען"...

פון יענעם טאג און ווייטער עד יומו האחרון האט ער געהאט א הייזעריגע שטימע, ער האט מער נישט געקענט זינגען. א דאנק דעם האט ער זוכה געווען צו אויפשטעלן דורי דורות ישרים ומבורכים, מכוח די שמירה פונעם הייליגן ייטב לב.

ז' תקכד) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

**בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (יא)**

נאך מיין חתונה בין איך געווען דער גבאי פון 'התאחדות אברכים', און דער תפקיד איז געווען זיך אומקוקן אויף די אינגעלייט נאך די חתונה, וואס אין יענע צייט זענען רובם ככולם ארויסגעגאנגען צו די ארבעט מהבקר ועד הערב, און מיר האבן זיך געזארגט אז די אינגעלייט זאלן קומען אין ביהמ"ד און קובע זיין עתים לתורה.

איז געווען אמאל בשעת ווען מיר האבן געארבעט מיט די אינגעלייט זיי צו ברענגען לערנען אין ביהמ"ד, האט זיך געמאכט ווען עמיצער האט גע'טענה'עט "איך הייס שוין נישט קיין אברך, און איך באלאנג נישט צו די התאחדות אברכים".

איז ביי אונז נולד געווארן א ספק 'ווען און וואס איז דער גדר?! ווער באלאנגט צו די 'התאחדות אברכים', און וואו שטעלט זיך דאס אפ?!'. האבן מיר מחליט געווען אז מיר זאלן אריינגיין פרעגן דעם רבי'ן ווי ווייט עס זאל גיין די פעולות פון די 'התאחדות אברכים', און ביז וועלכן עלטער זיי זאלן אפווארטן און באגלייטן די אינגעלייט.

מיר זענען אריבערגעפארן צום רבי'ן קיין בעלל הארבער, און מיר האבן געפרעגט די שאלה פונעם רבי'ן, און איבער דערציילט די מעשה וואס מיר האבן געהאט מיט יענעם אינגערמאן, האט דער רבי געזאגט "**ווילאנג מען קומט נאך לערנען אין בית המדרש הייסט מען אן אברך**"...

ז' תקכה) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' שלום יצחק שעהר שליט"א**

**גיין נאך געלט מתוך הדחק**

מיין ברודער הרב ר' עזריאל שליט"א האט בר מצוה געהאט שבועות תשל"ו. און ער האט נאך געהאט די זכי' צו לייגן תפילין ביי **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה**.

יענעם שבועות האט מיין טאטע הרה"ח ר' אשר אנשיל ז"ל געגעבן קידוש ביי אונז אין שטוב לכבוד די בר מצוה, איך געדענק ווי ער האט געשריבן אויף די הזמנה בדרך מליצה אז ער לאדנט דעם עולם צו "קידוש במקום סעודה"... אז דער קידוש שבועות איז אנשטאט די סעודת בר מצוה.

אסרו חג האט ער געלייגט תפילין ביי רבי איציקל זלה"ה, עס איז געווען געציילטע חדשים פאר זיין הסתלקות.

רבי איציקל האט געהאלטן ווי מנהג שינאווא אז הערשט נאכן תפילין לייגן זאל מען מאכן די סעודה. די סעודה איז געווען ביי אונז אין שטוב, און חתנו **הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זלה"ה** איז ארויפגעקומען צו אונז אין שטוב.

האט ער דעמאלטס דערציילט א מעשה נוראה וואס ער האט געהערט פונעם נאראלער רב ז"ל, וואס האט דאס געהערט פונעם בעל העובדא - א זון מזו"ש פון **הרה"ק רבי דוד משה מטשארטקוב זלה"ה**.

איינמאל ווען מ'האט אריינגעברענגט די פאסט צום **טשארטקובער רבי'ן**, האט דאס דער זון הרה"ק רבי **ישראל** ז"ל איבערגעקוקט מיט די גבאים, און זיי האבן מחליט געווען וואס עס איז וויכטיג צו איבערגעבן פארן רבי'ן.

צווישן אנדערע איז געווען א בריוו וואס א געוויסע קהילה האט געשיקט צו בעטן געלט פאר א דבר מצוה. און עס האט זיך פארשטאנען אז דער רבי וועט שיקן דעם זון רבי ישראל אז ער זאל גיין נאך געלט, היות עס איז דעמאלטס געווען א געדרוקטער מצב הפרנסה ביים ציבור, איז פארשטאנען געווארן אז מ'וועט נישט קענען צונויפקלייבן א געהעריגע סכום, איז נישט

פאסיג אז דעם רבי'נס זון זאל גיין נאך געלט אין אזא מצב.

האט זיך דער טשארטקובער רבי אנגערופן "כ'האב נישט געוואלט זאגן, יעצט מוז איך אבער דערציילן".

האט ער דערציילט אז אין די תקופה וואס דער **רמ"א** ז"ל איז געווען רב אין קראקא, איז געווען א וואסער-טרעגער מיטן נאמען יענקל, מ'האט אים גערופן אויף דריי נעמען, 'יענקל טרעגער', 'יענקל שיכור', 'יענקל שבת'. די סיבה איז געווען ווייל יעדן ערב שבת ביי חצות פלעגט ער גיין צום שענק און זיך אנגעטרונקען, און פון דעמאלטס פלעגט ער ברומען "שבת, שבת, שבת"...

איינמאל ערש"ק גייענדיג צום שענק הערט ער א יונגע פרוי שטייט ביים פענסטער און זאגט "יענקל גייט שוין שיכור'ן און איך האב נאכנישט אויף שבת"... האט ער זיך אפגעשטעלט, און ער האט מחליט געווען און אוועק געגעבן דאס געלט וואס ער האט געוואלט צאלן די בראנפן פאר יענע פרוי.

יענעם ערב שב"ק איז יענקל נפטר געווארן. כמובן אז זיין פטירה האט נישט אויסגערופן קיין גרויס אינטערעסע אין שטאט, און דער רמ"א האט נישט געוואוסט אז ער איז אוועק.

מוצאי שב"ק איז דער רמ"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד און ער פרעגט די לומדים צי איינער ווייסט אויב יענקל שיכור לעבט נאך. האט זיך א אינגעל אנגערופן אז זיין מאמע האט אים געשיקט פרייטאג צום טרעגער, און מ'האט געזאגט אז ער איז נפטר געווארן.

האט דער רמ"א דערציילט אז יעצט מוצש"ק איז יענקל געקומען צו אים בהקיץ און געזאגט אז ער איז נפטר געווארן, און איך וויל זאגן אז עס איז דא א קטרוג אין הימל אויפן רב ווייל ער טוט נישט גענוג אין צדקה.

זאגט אים דער רמ"א "יענקל ביזט נאך שיכור פון פרייטאג?!"...

האט יענקל דערציילט די מעשה מיט דאס געלט וואס ער האט געגעבן פאר די פרוי ערב שבת, נאכדעם איז ער נפטר געווארן, און אנקומענדיג צום בי"ד של מעלה האט מען אים גע'פסק'עט גן עדן, זייענדיג א תמימות'דיגער ערליכער מענטש, ווען ער וואלט געקענט לערנען וואלט ער געווען פון בי"ד של מעלה, נאר היות ער איז געווען א איש פשוט האט מען אים אויפגענומען אלס שליח פון בית דין.

האט דער בי"ד של מעלה געזאגט אז די פרוי איז געווען א גלגול פון אסתר המלכה, וואס זי האט געדארפט נאכאמאל אראפקומען אויף עולם, היות זי האט אלעמאל געלעבט אין עשירות, האט זי געדארפט אריבערגיין אויך דעם נסיון העוני. ממילא אז ער האט יעצט געגעבן צדקה פאר אסתר המלכה קומט אים גן עדן.

דערציילט ווייטער יענקל "אין הימל איז דא טענות אויפן רמ"א, אז ער לעבט מיט א רחבות, און אלעס קומט אים אן לייכט, ווען מ'דארף געלט נעמט ער ביי די עשירים וואס געבן בעין יפה, אזוי אז ער ווייסט נישט פון טוהן מצות הצדקה מתוך הדחק".

האט יענקל דער 'שליח בי"ד' זיך אנגערופן אז ער וועט דאס גיין איבערגעבן פארן רב, און אים מעורר זיין איבער דעם ענין.

יעצט אז דער רמ"א האט געהערט אין ביהמ"ד אז יענקל איז טאקע נפטר געווארן, און ער האט אויך באמערקט אז יענקל איז אריינגעקומען אין הויז בשעת ווען די טיר איז באמת געווען פארשלאסן, האט ער פארשטאנען אז דאס איז אן אמת'ע שליחות פון הימל, איז ער צוריק אהיים געגאנגען און ער האט געזאגט פאר יענקל "גיי זאג פארן בי"ד של מעלה, אז איך וועל גיין נאך געלט אין די ארימע געסלעך".

צומארגנס זונטאג האט מען געזעהן ווי דער רמ"א גייט טאקע נאך געלט ביי די ארימע געסלעך, און טוט צדקה וחסד מתוך הדחק ועוני.

האט דער טשארטקובער רבי אויסגעפירט "זעהט עטס, אפילו עס איז שווער, און אפילו עס איז געענגט, דארף מען גיין נאך געלט", און ער האט געשיקט דעם זון הרה"ק רבי ישראל ז"ל נאך געלט ביים ציבור, אפילו ווען עס איז שווערע צייטן.

---

ז' תקכו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' אהרן יואל סאלינסקי הי"ו**

---

## דער עיקר איז די קינדער

געציילטע וואכן פאר די הסתלקות פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** בשנת תשל"ט, איז מיין טאטע ז"ל געווען בקודש פנימה ביים רבי'ן, און זיך געזעגנט מיט א קוויטל.

נאכדעם וואס ער האט זיך געזעגנט מיטן קוויטל, און מזכיר געווען זיינע ענינים, האט אים דער רבי אנגעהאלטן די האנט א לענגערע צייט און דער רבי האט געזאגט **"דער עיקר איז די קינדער, דער עיקר איז די קינדער"...**

נאכדעם וואס מיין טאטע איז ארויסגעגאנגען פון רבי'נס צימער, האט דער רבי געהייסן דעם משב"ק הרה"ח ר' מאיר דייטש 'רוף צוריק מרדכי'... און דער רבי האט נאכאמאל גענומען זיין האנט און געזאגט עטליכע מאל די זעלבע ווערטער **"דער עיקר איז די קינדער"...**

(מענין לענין, בין איך געווען אמאל ביי כ"ק הרה"ק **רבי הערשעלע מספינקא** זלה"ה, כדי איבערצושמועסן א ענין - עס איז געווען ערב שב"ק אין א נישט לייכטע צייט, אבער צוליב דעם נחיצות הענין האט מען מיך אריינגעלאזט - נאכן שמועס זאגט ער מיר "וואס דארף דער אייבערשטער פון אונז?! דער אייבערשטער וויל האבן אונזער דאווענען, אונזער לערנען, תורה ומצוות, דער עיקר איז, דער אייבערשטער וויל אז מיר זאלן זיין צווישן אידן").

---

ז' תקכז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

**הרה"ג רבי אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

---

## העול"ה קודש קדשים...

איך האב געהערט פון א עלטערן איד, אז נאך די קריג האט איינער געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל אויף אלע אידן וואס זענען אוועק ביי די מלחמה, אויב מ'קען זאגן אויף יעדן פון זיי, אז ער הייסט א 'קדוש', ווייל זיי זענען אוועק אויף קידוש ה'.

האט דער רבי געענטפערט **"אויסגיין אויף קידוש השם איז 'קדשים', אויפציעהן א ערליכע שטוב מיט קינדער איז קודש קדשים..."**

---

ז' תקכח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק'

---

## ער האט נאר לייכטער געמאכט...

די שטוב פון **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק** זלה"ה איז געווען א אפענע שטוב, עס זענען אריינגעקומען אלע סארט מענטשן וואס האבן דארט געהאט אומזינסטע אכילה, שתי' לינה. איז געווען אמאל א גאסט וואס האט דערווישט א 'לעטערהעד' פון רבי איציקל, און ער האט זיך אפגעשריבן א אייגענע מכתב המלצה, און ער איז געגאנגען מיט דעם בריוו צו די בערזע צו מאכן געלט פון די ארטיגע נגידים.

די פשעווארסקער חסידים האבן אויף די מינוט באמערקט אז דאס איז א פאלשער בריוו, און זיי האבן דאס אוועק גענומען פון אים. און ווען רבי איציקל איז אריינגעקומען צו מנחה, האבן זיי אים געוויזן דעם פאלשן בריוו.

אנשטאט וואס רבי איציקל זאל זיך צובייזערן, האט ער אנגעהויבן צו לאכן, און בגודל צדקתו האט ער געזאגט "גיט אים צוריק דעם בריוו, אדרבא, ער האט מיר געשפארט ארבעט, פארוואס האב איך דאס געדארפט אליין שרייבן, ער האט שוין געשריבן אנשטאט מיר, גיט אים דאס צוריק, גיט אים געלט, און ער זאל ווייטער מאכן געלט"...

---

ז' תקכט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' ליפא פאלקאוויטש שליט"א**

---

## דריי שורות...

איך האב געהערט פון מיין מחותן **הרה"ח ר' עוזר פריעדמאן הי"ו** אז ווען זיין פאטער הרה"ח ר' ליפא ע"ה מחשובי חסידי סיגעט איז נפטר געווארן האט מען געמאכט א נוסח המציבה, און ווען דער רבי מרן רבינו **הברך משה** זלה"ה איז געקומען מנחם אבל זיין די משפחה האט מען אים געוויזן דעם נוסח.

דער רבי האט געקוקט דעם נוסח, און ער האט זיך אנגערופן מיט זיין פשטות "איך האב גוט געקאנט אייער פאטער, ער האט נישט געדארפט דעם גאנצן נוסח, ער האט נישט געדארפט מער ווי דריי שורות"...

שפעטער האט מען געטראפן די צוואה וואס ער האט געשריבן, און דארט איז געשטאנען אז מ'זאל נישט שרייבן אויף די מציבה מער ווי דריי שורות...

ב. ווען מיין זיידע **הרה"ח ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש** ז"ל איז נפטר געווארן בשנת תשנ"ג, האט ער געשריבן אין די צוואה אז מ'זאל נישט שרייבן אויף זיין מציבה קיין שום טיטול'ען, נאר אז ער איז געווען א מלמד. און די קינדער זענען געווען מסופק וואס צו טוהן.

דער רבי מרן **הברך משה** זלה"ה האט זייער געהאלטן פון מיין זיידן, און ווען מ'האט אים געפרעגט דערוועגן, האט ער געוואלט זעהן די צוואה, און ער האט דאס געליינט ער איז אזוי נתרגש געווארן אז ער האט א קוש געגעבן דאס צעטל און געלאזט א טרער, און ער האט געזאגט "כ'זאג אייך, ער איז געווען אן ערליכער איד, ער האט דאס געמיינט אמת'דיג, טוט אים צוליב און שרייבט נישט מער".

ג. ווען עס איז צו מיר געבוירן געווארן א זון ביום כ"א אדר, האב איך געהאט חשק צו געבן א נאמען 'אלימלך', עס איז געווען נאך די פטירה פון מיין זיידן ז"ל. ווען איך האב געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל, האט ער געזאגט "קודם קומט א זיידע"... און איך האב טאקע געגעבן דעם נאמען 'שלמה מנשה'.

---

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**